ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתפ"ב
פסח תשפ"ה
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תו) עס האט דערציילט

**הגאון רבי רפאל סאלאווייטשיק זלה"ה** בן הגה"ק מבריסק זלה"ה

## ווי אזוי לערנט מען אפ א חסיד'ישע מעשה...

איך האב געהערט מפי הגה"ח **רבי רפאל סאלאווייטשיק** זלה"ה, מעשה שהיה וואס ער איז דערביי געשטאנען.

איינמאל עטליכע טעג פאר פסח, ווען דער טאטע **הגה"ק רבי יצחק זאב הלוי** ז"ל האט שוין געהאט געענדיגט באקן די מצות, און מ'איז געשטאנען אינדרויסן פון די בעקעריי, ווארטנדיג אויף א טעקסי, זאל אונז אהיים פירן מיט די מצות.

שטייענדיג דארט, איז איינער א קארלינער חסיד (רבי רפאל האט מיר געזאגט זיין נאמען) צוגעקומען צום טאטן, און אים געזאגט: "וואס איז מען אזוי אנגעצויגן מיט די מצות? צי וואס פעלט אויס די גאנצע נערוועזקייט פאר דעם און נאך דעם? אלע מצות זענען דאך כשר און אויסגעהאלטן".

וועלנדיג ברענגען א ראיה צו זיין טענה, האט יענער קארלינער חסיד מוסיף געווען: "ביי אונז חסידים איז ידוע א מעשה מיט'ן רבי'ן **רבי משה לייב סאסובער** ז"ל, אז איינמאל פאר פסח, ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג אהיים נאכ'ן באקן די מצות, גייענדיג מיט די מצות אין די הענט צוזאמען מיט זיינע גבאים, האט ער באמערקט ווי א איד שטייט און וויינט אין גאס. איז דער רבי ר' משה לייב צוגעגאנגען צו אים, און אים געפרעגט: "פארוואס וויינסטו?" האט דער איד געענטפערט: "ס'איז שוין נאנט צו פסח, און איך האב גאר פראסטע מצות, און איך האב געוואלט האבן אזעלכע מהודר'דיגע ווי דער רבי האט, דעריבער האב איך זיך צעוויינט".

האט אים דער רבי ר' משה לייב געזאגט: "ס'איז נישט קיין פראבלעם, לאמיר זיך בייטן, נעם דו מיינע מצות, און גיב מיר דיינע מצות. זעט מען פון דעם - האט יענער קארלינער חסיד אויסגעפירט פאר'ן בריסקער רב - אז אלע מצות זענען גוט, און מ'דארף נישט מאכן אזא גאנצער עסק דערפון".

האט אים דער בריסקער רב געענטפערט כהאי לישנא: "איר זענט א חסיד?! איר פארשטייט אפילו נישט קיין חסידי'שע מעשה! איך וועל אייך זאגן פשט אין די מעשה.

"ערשטנס זעט מען, אז דעם ארימאנ'ס תפלה איז אנגענומען געווארן, און מ'האט אים פון הימל צוגעשטעלט מהודר'דיגע מצות. צווייטנס, ווער האט אייך געזאגט, אז דער רבי ר' משה לייב האט געגעסן יענע מצות?! איר האט איין ראיה דערצו?! ער איז זיכער געגאנגען און געבאקן אנדערע מצות פאר זיך, נאר ווייל ער האט נישט געוואלט פארשעמען יענעם ארימאן, האט ער אים געזאגט "לאמיר זיך בייטן מיט די מצות", אבער ער האט דאס בכלל נישט געגעסן". (מפי הרה"ח ר' י.י. הלוי שליט"א - קרית יואל)

ז' תז) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהלתינו הק'

## א קיטל ביים רבי'נס סדר

א אינגערמאן אין שנה ראשונה איז צוגעגאנגען צום **פשעווארסקער רבי'ן רבי יענקעלע** ז"ל – בערך תשמ"ג - און געפרעגט, היות ער וועט זיין ביים סדר ביים רבי'ן צי ער זאל גיין מיט א קיטל. האט אים רבי יענקעלע געענטפערט "ווען מ'גייט צו א רבי'ן ביים סדר גייט מען נישט מיט קיין קיטל".

אפאר מינוט שפעטער האט רבי יענקעלע געהייסן רופן דעם אינגערמאן, ווען ער איז געקומען צו לויפן, זאגט אים רבי יענקעלע "ווען איר האט מיך געפרעגט האב איך נישט געכאפט אז דער שווער לעבט שוין נישט, ביי מיין סדר קענסטו גיין ווי אזוי דו ווילסט"...

ב. איך געדענק ביי די חתונה פון חדב"נ הרה"ג ר' משה שמואל ראטענבערג שליט"א, איז רבי יענקעלע ז"ל געווען אין אמעריקע, עס איז געווען א גרויסע חתונה און שבת שבע ברכות מיט א גאנצע איבערקערעניש און שטופעניש. אינמיטן די חופה האט מען אויסגערופן "היות די סטעידזש איז נישט גענוג שטארק בעט מען יעדן איינעם וואס באלאנגט נישט אויפן אויבנאן זאל אראפגיין בעוד מועד שלא לבא לידי סכנה".

רבי יענקעלע האט באלד אנגעהויבן צו אראפגיין פונעם סטעידזש, ווייל ער האט נאטורליך פארשטאנען אז די הכרזה אז מ'זאל אראפגיין פונעם סטעידזש האט דוקא אים געמיינט... - במקום גדולתו אתה מוצא ענותנותו.

ז' תח) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ח ר' מאיר אקער הי"ו** בני ברק

## דעם סאקמאר רב'ס ווארט איז פסק הלכה

איך האב זוכה געווען אסאך יארן להסתופף בצ"ק פון **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק** ז"ל.

בשנת תשל"ד איז אויסגעפאלן שבת ערב פסח, איז געווען א וואך פריער ערב שבת איז געווען א שמועס אין שטוב פון **הרה"ק רבי איציקל** זלה"ה ווען מ'זאגט דעם 'יוצר לשבת הגדול', צי בעצם שבת הגדול אדער א וואך פריער. רבי איציקל האט געהייסן זיך נאכפרעגן וואס דער סאטמארער רב טוט ביי זיך אין ביהמ"ד.

מ'האט טעלעפאנירט צום רבי'ן אין שטוב פרעגן בשם רבי איציקל ווי אזוי מ'פירט זיך, און מ'האט צוריק גערופן איבערגעבן בשם דעם רבי'ן אז מ'זאגט יוצר א וואך פריער. אבער נישט ווי געווענליך ביי חזרת הש"ץ נאר נאך שמונה עשרה בעפאר 'קדיש תתקבל'.

האט רבי איציקל געזאגט **"דעם סאקמאר רב'ס ווארט איז פסק הלכה, און אזוי וועט מען טוהן ביי אונז"**.

ז' תט) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## זכרונות פון פסח ביי כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה - מצות באקן ערב פסח

ערב פסח פארן מצות באקן איז דער רבי געגאנגען אין מקוה.

אין די ערשטע יארן פלעגט נאך דער רבי גיין אין מקוה צווישן עולם, בין איך איינמאל געשטאנען דארט ווען דער רבי איז ארויסגעקומען פון די מקוה, מ'האט אנגעגרייט אויפן סינק א 'קעמל', און דער רבי האט זיך שיין אויסגעקעמט די פיאות - לכאורה וועגן חומרא דפסח - און ער האט דאס געדרייט ביז ס'איז געווארן אביסל געקרייזלט, דאס איז געווען א זעלטנהייט ביים רבי'ן, אבער ס'האט זיך נישט לאנג געהאלטן, ווייל דער רבי איז ארום געלאפן ביי די מצות איז די פיאות איז געווארן צוריק גלאט ווי אלעמאל.

דערנאך בין איך מיטגעפארן מיטן רבי'נס קאר (געפירט דורך הרה"ח ר' סענדר ענגעל ע"ה) צום מצה בעקעריי. - ס'איז געווען מורא'דיג צו זעהן ווי די רגע וואס דער רבי איז אריין אין בעקעריי איז ער געווארן א 'אש להבה', ער האט געקאכט און נישט גערוהט קיין רגע, צום ערשט האט ער געקוקט דעם אויוון ווי אזוי מ'גרייט עס צו, דערנאך איז ער געלאפן קוקן ווי אזוי מ'רייניגט די וועלגער העלצער, דער רבי האט געזאגט הויך 'ווער ס'האט נישט קיין ארבעט דא זאל נישט אריין קומען, ער זאל בלייבן אינדרויסן ווייל דאס שטערט די ארבעט'.

ווען אלעס איז געווען גרייט איז דער רבי געלאפן גיסן וואסער צום קנעטן, ווי נאר די 'מיירע' איז געווארן גרייט האט דער רבי עס גענומען און אנגעהויבן טיילן 'טייגלעך', אבער אין די זעלבע צייט האט ער געקוקט בעינא פקיחא אויפן גאנצן פלאץ צי אלעס גייט כשורה, ביי יעדן טייגל וואס ער האט געגעבן פאר א בחור האט ער אים צום ערשט באטראכט אויב ער האט שוין א 'שטיקל בארד' אז ער איז שוין א גדול מדאורייתא.

איינמאל האט ער באמערקט פון זיין פלאץ, אז איינס פון די מצות וואס האבן געהאנגען אויפן שטעקן אריינצוטראגן אין אויוון האט אנגערירט איינעמס שטריימל, כהרף עין איז דער רבי אהין געלאפן און אראפ געווארפן די מצה, זאגנדיג פארן בעל השטריימל 'פארוואס שטייסטו דא? ווער ס'ארבעט נישט זאל שטיין אין דרויסנדן שטוב'.

ווען ער האט געענדיגט אויסטיילן די טייגלעך, האט ער אנגעהויבן זאגן הלל מיט א געוואלדיגע התלהבות, אויף געהעריגן נוסח פון 'הלל', נאר די פסוק 'מן המיצר' האט ער געזאגט אויפן נוסח פון ראש השנה פאר תקיעת שופר.

מ'האט נאר געמאכט איין מיירע אין 18 מינוט, און ווען ס'איז געווען פארטיג, איז ער געגאנגען צום אויוון זעהן ווי אזוי די מצות קומען ארויס.

נתנדב ע"י הרה"ח בנש"ק ר' **פינחס שפירא** הי"ו • לעילו נשמת מו"ר הגאון **רבינו שמואל** ב"ר יוסף צבי הלוי **וואזנער** בעל **שבט הלוי** • היארצייט ערב פסח

## דער גורל ביי די בחורים

ס׳איז באקאנט אז דער רבי האט נישט געהאט קיין חשק אז מענטשן זאלן מיטהאלטן זיין סדר, מ׳האט געדארפט האבן גאר א שטארקע סיבה אז דער רבי זאל לאזן קומען צום סדר.

איך געדענק אז ערב פסח בין איך געווען אויבן אין שטוב און געהערט ווי הרה״ח ר׳ יוסף אשכנזי ז״ל משב״ק בעהט זיך ביים רבי׳ן אז א חשוב׳ער יונגערמאן פון כולל איז אים געבוירן געווארן ער״פ א צווילינג, און ער וויל קומען צום רבי׳ן צום סדר, האט אים דער רבי געענטפערט ׳ער האט נישט קיין טאטע?! ער האט נישט קיין שווער?! פארוואס זאל ער קומען צו מיר?! צום סוף האט דער רבי מסכים געווען, ווייל יענער איז געווען גאר א חשוב׳ער יונגערמאן.

שפעטער אין יאר תשכ״ה האט הגה״צ ר׳ נתן יוסף מייזעלס ז״ל דער מנהל הישיבה, גע׳פועל׳ט ביים רבי׳ן אז מ׳זאל מאכן א גורל און 20 בחורים פון די וועלכע האבן פארהערט גאנץ מסכת פסחים זאלן קענען מיטהאלטן א סדר ביים רבי׳ן (10 בחורים איין נאכט און 10 די צווייטע נאכט) און אויך די עטליכע ׳חתנים׳ פון ישיבה, איך האב אויך געהאט די זכי׳ צו זיין ביים רבי׳נס סדר צוויי מאל, תשכ״ד און תשכ״ה.

די מעשה איז געווען אזוי: תשכ״ה נאכן פארהערן דעם שיעור השבוע, האב איך געבעטן דעם רבי׳ן אז איך וויל זיין ביים סדר, זאגט מיר דער רבי ׳נו, דו האסט דאך מיטגעהאלטן די מסכת, גיי דיך פארהערן וועסטו אריינגיין אין גורל׳.

האב איך געזאגט ׳אבער ס׳איז א גורל פון אסאך בחורים׳, זאגט מיר דער רבי ׳זארג נישט וועסט אויסקומען׳, איך בין טאקע געגאנגען זיך פארהערן ביי הגה״צ רבי מרדכי דוד קאהן ז״ל וואס איז געווען ממונה צו פארהערן די בחורים די גאנצע מסכת, צו באשטעטיגן אז מ׳קען אריינגיין אין גורל צו זיין ביים סדר, און כ׳האב ב״ה זוכה געווען בגורל.

## ליל התקדש החג

דער סדר אליינס איז געווען הדרה דלא אפשר למפרט בשפוותא, ס׳איז בכלל נישט שייך מסביר צו זיין, דער עולם איז געווארן אין א העכערע אטמאספערע, בבחינת ׳וגילו ברעדה׳. די ערשטע האלב סדר האט דער רבי געזאגט די ׳הגדה׳ מיט א ברען בקול רם, אבער היפש שנעל, ביי עטליכע פלעצער האט ער געזאגט אביסל שטייטער מיט מער התעוררות.

דעם הלל (אויך די צווייטע העלפט) האט ער ׳נישט׳ געזאגט אויפן נוסח פון דאווענען, נאר אויפן נוסח פון די הגדה. די ברכה ׳על אכילת מצה׳ איז אויך געווען עפעס גאר ספעציעל מער ווי אלע התלהבות׳דיגע ברכות במשך השנה.

די צווייטע העלפט סדר איז שוין געווען גאר לעילא ולעילא, די התלהבות ביי ׳הלל׳ און ׳נשמת׳ קען מען בכלל נישט מסביר זיין. מיר האבן נאר געהאפט אז דער זייגער זאל בלייבן שטיין, דער מצב זאל זיך נישט ענדיגן...

ביי די ערשטע העלפט סדר ביי די הגדה, איז דער רבי געזעסן גלייך אויפן היסב בעט, נישט אנגעלאנט, און אריין געקוקט אין די הגדה אויפן טיש. אבער ביי די צווייטע העלפט, און נאכמער ווען דער רבי האט אנגעהויבן זינגען די פיוטים ׳אדיר במלוכה׳ און ׳אדיר הוא יבנה ביתו׳ האט ער זיך אנגעלאנט אויפן היסב בעט מיטן פנים אינגאנצן ארויף און האט געהאלטן די הגדה אין די האנט אין די הייעך, און האט פארגעזינגען די פיוטים מיט אן אש קודש, אסאך שטיקלעך האט ער איבער געזינגען עטליכע מאל, און אסאך מאל האט ער נאר איבער געזינגען דעם ניגון אן ווערטער איינמאל און נאכאמאל, דער רבי האט פארגעזינגען און דער עולם האט עס איבער געזינגען אזוי ווי ׳חזן וקהל׳ א א יעדע פאל עקסטער, אמאל מיט די ווערטער און אמאל אן די ווערטער.

די פיוטים ׳אז **רוב נסים**׳ און ׳**ויהי בחצי הלילה**׳ האט דער רבי געזינגען מיטן ניגון וואס איז מקובל בשם מרן **הבעש״ט זלה״ה** זי״ע, און די פיוטים ׳אדיר במלוכה׳ און ׳אדיר הוא יבנה ביתו׳ מיטן ניגון המקובל פון **מגיד הגדול ממעזריטש** זלה״ה, דארט איז געווען גאר ספעציעל דער רבי האט געזינגען די ניגונים גאר שטייט און דביקות׳דיג, און אריין געפלאכטן אייגענע נייע הייליגע זיסע געשמאקע תנועות, עטליכע מאל האט פאסירט אז מחמת רוב דביקות האט דער רבי פארטוישט די הויכע פאל פון די צוויי ניגונים.

די לעצטע צוויי פיוטים ׳אחד מי יודע׳ און ׳חד גדיא׳ האט ער געזינגען אויפן ניגון המקובל פון הייליגן ראפשיצער רב זלה״ה.

אין די ערשטערע יארן האט דער רבי געציילט ספירה די צווייטע נאכט אויפן פלאץ פונעם סדר, דאס איז אין קליינעם בית המדרש בביתו נאוה קודש, אבער שפעטער אין די כ׳ יארן ווען ס׳איז שוין געווארן א שרעקליכער געדרענג פון א ריזיגן עולם וואס איז געקומען מיטהאלטן די ספירה ציילן נאכן סדר, איז דער רבי מיטן עולם אריבער אין גרויסן ביהמ״ד ציילן ספירה, און נאך ספירה האט דער רבי זיך געזעצט אויפן פלאץ וואו ער האט געפירט טיש, און דארט צוגעענדיגט די ניגונים ׳אחד מי יודע׳ און ׳חד גדיא׳, דערנאך האט מען געזינגען ׳והיא שעמדה׳ וכו׳ עטליכע בעלי מנגנים פלעגן זינגען ניגונים, הרה״ח ר׳ חיים מרדכי שטיינבערג ע״ה פלעגט פארזינגען א ספרד׳ישן ניגון אויף די ווערטער ׳הללו-קה הללו עבדי ה׳.

ביים רבי׳ן בעל ברך משה זלה״ה האט הרה״ח ר׳ לייבעלע בערקאוויטש ע״ה פארגעזינגען דעם ניגון ׳אדיר במלוכה׳ מיט די אידישע ווערטער ׳לך ולך צו דיר טאטע׳ וואס איז מקובל פון בעש״ט הק׳ זלה״ה זי״ע.

## די טישן אין יו״ט פסח

די מיטאג טישן פון די ערשטע טעג יו״ט זענען געווען אין קליינעם בית המדרש, גלייך נאכן טיש האט מען דארט געדאווענט מנחה, און דער רבי איז צוריק ארויף למעון קדשו, שפעטער איז דער רבי געגאנגען אין מקוה לכבוד דעם צווייטן סדר, און אריין געקומען צו מעריב אין קליינעם בית המדרש, רוב מאל ׳מיטל נאכט׳ יו״ט האט ער נישט געדאווענט אין גרויסן בית המדרש.

ביי די פסח טישן איז דער רבי געווען שטארק אנגעצויגן, די גאנצע צייט פון טיש האט דער רבי געהאלטן אן עינא פקיחא אויפן גאנצן עולם צי אלעס גייט כשורה, אויב די מצות דעקט זיך נישט אויף, אויב די טישטוך איז נישט אראפגעשלעפט, צי מ׳שטעלט זיך נישט אויף אויפן טיש. איינמאל דעם צווייטן טאג ביי ׳סעודת אסתר׳ איז געווען א גרעסערער עולם, און וויבאלד די טישן זענען געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי א אות ח׳, האט מען זיך אריינגעשטופט אינמיטן כמעט ביזן רבי׳ן, און דער רבי האט געזעהן אז מ׳שטופט די מענטשן וועלכע זיצן אויף די בענק, און ס׳קען אראפפאלן געשיר אדער די מצות קענען ווערן אויפגעדעקט א.ד.ג. האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און מיט א חרדת קודש געשריגן ׳יעדער זאל ארויסגיין פון דא׳, אז מ׳זאל נישט שטערן די אידן וואס עסן, מ׳האט געזעהן אויף זיין הייליגע צורה די פחד פון די זהירות בעניני פסח, אלע זענען טאקע גלייך ארויס ביזן עק פון די טישן.

חוהמ״פ האט דער רבי נישט געפירט קיין טיש, און אויך נישט געזאגט הלל פארן עמוד.

## שביעי של פסח

**שביעי של פסח** איז דער רבי אריינגעקומען גאר שפעט צום טיש, צווישן 1:00 און 2:00, אזוי איז אויסגעקומען אז דאס זינגען די שירה איז שוין געווען נאנט צום עלות השחר, עטליכע מאל אינמיטן טיש האט דער רבי געקוקט אויפן זייגער. פארן בענטשן האט מען ארויסגענומען דעם רבי׳נס בענקל, און דער רבי האט אנגעהויבן טאנצן אויפן פלאץ ׳ויושע ה׳ ביום ההוא׳, דער עולם האט נישט געזינגען מיט די ווערטער נאר סתם דעם ניגון.

דער אופן ווי אזוי דער רבי האט געטאנצן איז געווען גאר אינטערסאנט, רוב בחור׳ישע יארן האב איך געהאט מיין ׳מקום קבוע׳ אונטערן טיש הארט נעבן רבי׳ן, האב איך געקענט באטראכטן דעם רבי׳ן, ביידע הענט האט דער רבי געהאלטן אריינגעשטעקט אין גארטל ביי די צוויי זייטן, און רוב צייט פון טאנצן האט דער רבי געהאלטן ביידע פוס צוזאמען, און אזוי געטאנצן ארויף און אראפ ווען ביידע פוס זענען געווען אין די לופטן.

שביעי של פסח בייטאג, האט דער רבי אלעס געדאווענט פארן עמוד, פסוקי דזמרה צוליב די ׳שירה׳, שחרית מיט מוסף, און אויך געליינט אלס בעל קורא.

דערנאך האט דער רבי געפירט דעם ׳בייטאג טיש׳ אין קליינעם ביהמ״ד, נאכן בענטשן האט דער רבי געדאווענט מנחה, און איז נישט אריינגעקומען אין גרויסן בית המדרש צו מעריב, נאר געדאווענט שפעט ביי זיך אינדערהיים, און שפעטער געפירט א טיש אין קליינעם בית המדרש.

## אחרון של פסח

דעם צווייטן טאג **אחרון של פסח** האט שוין דער רבי געפירט טיש אין גרויסן בית המדרש, ס׳איז געווען דארט א גרויסער עולם, און דער טיש איז געווען שפעט נאכמיטאג, און ביים טיילן שיריים פון די פיש האט דער רבי געהייסן אויסרופן, אז די [פאלשע] פיש איז פליישיג, און ווער ס׳וויל טרינקן א קאווע אדער עסן מילכיגס מוצאי יו״ט זאל נישט נעמען קיין שיריים.

נאכן טיש איז דער רבי צוגעגאנגען צו זיין פלאץ אויף מזרח צו דאווענען מנחה, נאך מנחה איז נאך געווענליך געווען בערך 10 – 15 מינוט ביז מעריב, האט דער רבי זיך אוועק געזעצט אויף זיין פלאץ פון דאווענען, און דער עולם האט געמאכט א קליינע רקידה נעבן רבי׳ן מ׳האט געזינגען ׳והיא שעמדה׳ און ׳בבקעך ים סוף׳, ביזן זמן מעריב.

תיכף ביים זמן איז דער רבי צוריק געגאנגען צום פלאץ וואו ער איז געזעסן ביים טיש, און האט אנגעהויבן זינגען ׳חסל סידור פסח׳, מיט א מורא׳דיגע התלהבות אזוי ווי נעכטן ביי די שירה, די הענט אריינגעשטעקט אין ברייטן גארטל און געשפרינגען מיט ביידע פוס אין די לופט. דא האט דער עולם יא מיטגעזינגען די ווערטער ׳חסל סידור פסח׳.

ביי דעם טיש אחרון של פסח, האט מען שוין ארויפגעזעצט קינדער אויפן טיש קעגן איבער דעם רבי׳ן, כדי זיי זאלן קענען זעהן דעם רבי׳ן.

כאטש שביעי ש״פ האט דער רבי נישט געלאזט אראפנעמען דעם טישטוך און נישט געלאזט קינדער ארויפגיין אויפן טיש (עס איז נאכנישט געווען קיין ׳פארענטשעס׳), אבער יעצט אז ס׳איז שוין מוצאי יו״ט האט מען אראפגענומען דעם טישטוך פונעם גרויסן טיש קעגן איבער דעם רבי׳ן, און מ׳האט דארט ארויפגעזעצט אלע קליינע קינדער זיי זאלן זעהן ווי אזוי דער רבי טאנצט.

ווען איך בין נאך געווען א יונגל פון 11 יאר, בין איך געשטאנען צושטופט צווישן עולם, און פלוצלונג קומט מיין טאטע ז״ל צולויפן ער גיט מיך א הייב אויף און שטעלט מיך ארויף אויפן טיש, אז איך זאל זעהן ווי אזוי דער רבי טאנצט, אנדערע האבן גע׳טענה׳ט אז דאס איז נאר פאר קליינע קינדער, אבער מיין טאטע האט געוואלט אז איך זאל קענען גוט זעהן, בין איך טאקע דארט געווען און מיטגעהאלטן ב״ה.

נאכן טאנצן האט דער רבי פארגעזאגט דריי מאל ׳לשנה הבאה בירושלים׳, דער עולם האט נאכגעזאגט, דערנאך איז דער רבי צוריק אויף זיין פלאץ דאווענען מעריב, און דערנאך צוריק צום טיש מאכן הבדלה. **מי יתנני ירחי קדם.**

ז׳ תי) עס דערציילט אונזער זיידע
**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

## זכרתי ימים מקדם

... דער פעטער - **מרן רביה"ק זלה"ה** - ז"ל האט קיין תיקון חצות נישט געזאגט, אבער ווען עס איז געקומען צום 'ממקומך' סתם א שבת, האט ער געקענט פארלאזן טרערן, מיט אזא ציפּי' לגאולה. כ'האב עס אסאך מאל געזעהן.

כ'רעד שוין נישט פון די ימים טובים ווען ער האט געזאגט '**ומפני חטאינו**' מיט אזא מין השתפכות הנפש, אה... '**גלה כבוד מלכותך עלינו**', ער האט אזוי געצויגן די ווערטער, ער האט געוויינט... דאס איז געווען אן קיין תיקון חצות.

אפילו ביי א פשוט'ע שבת ביי 'קדושת כתר'. ס'איז געקומען צו די **ווערטער "הוא מלכינו, והוא יושיעינו, ויגאלינו שנית"**, וואס ער האט פארפירט, אזא מין ציפיה צו די גאולה".

כ'דערמאן זיך יעצט, כ'בין געווען ביים סדר ביים פעטער זכרונו לברכה, נאכן סדר מ'האט געזונגען דעם "**אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב**", קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי עס האט אויסגעזהן.

(רבינו התיישב על כסאו כיושב על 'היסב בעט') "אזוי איז דער פעטער געזעצן, אויפגעהויבן די האנט (מר"ש הציג בידו, והתחיל לנגן נוראות) אזוי האט דער פעטער געזינגען, און געמאכט מיט די הענט אין די הייעך (מימין לשמאל), און ער האט אויסגעצויגן יעדע תנועה (מר"ש ניגן אותו בתנועה הידועה) מיט קרעכצן, אזא מין השתפכות הנפש.

כ'דערמאן מיך יעצט, א זאך וואס מ'האט קיינמאל נישט געזעהן. ווען האט ער געמאכט תנועות מיט די הענט? קיינמאל! ער האט אזוי געמאכט תנועות, דעם גאנצן "אדיר הוא". און אויפן קול הויך, שטאט מ'האט געהערט...

דער טאטע ז"ל האט מיך פארציילט ער איז געווען ביים סדר ביים פעטער אין קראלי. דער 'אדיר הוא' האט געדויערט א האלבע שעה. וואס איז געווען דא איז שוין געווען קורצער. א האלבע שעה!.. ווען עס איז געקומען צום התגלות כבוד מלכותו, איז ער געווען...

אינטערסאנט, דער טאטע האט מיך פארציילט אז אין קראלי פלעגט דער פעטער ז"ל זאגן 'שיר השירים' מיטן גאנצן ציבור 'פסוק בפסוק' ער האט אזוי מאריך געווען ביז איז געווארן ליכטיג. דא האט ער עס שוין נישט געטוהן. אזוי האט מיר דער טאטע ז"ל דערציילט, ער האט געזאגט אז ס'איז געווען מיט אזא השתפכות הנפש, מיט אזעלכע בכיות און געגעגועים אז ער איז נישט געקומען צום ווארט. דא איז שוין געווען אנדערש... (מתוך שיחת קודש א' פנחס תשפ"ד)

ז׳ תיא) עס דערציילט אונזער טאטע
**הרה"ג ר' חיים צבי טייטלבוים שליט"א** רב מהרש"א ראצפערט

## אף שם עומד ומשמש...

שטייענדיג אין די טעג בעפאר די יארצייט פון **כ"ק מרן אא"ז הגה"ק הברך משה זלה"ה**, וויל איך דא איבערגעבן א מעשה וואס איך האב מקבל געווען פון כלי ראשון א מקור נאמן מאד. איך געב דאס איבער כלשון אמירתן מפי בעל העובדא:

"מיט א צייט צוריק האב איך געקויפט א בנין, און איך האב געדארפט האבן א מארגעדזש פון די באנק. אבער צוליב געוויסע סיבות איז נישט שייך געווען צו באקומען דאן א מארגעטש אויף דעם בנין. האב איך געבעטן פון גוטע פריינד זאלן מיך העלפן, און א ידיד האט מיר דאן געגעבן א פערזענליכע הלוואה בתורת עיסקא, ער האט זיך אויסגענומען א תנאי אז 'איך דארף אים נישט באצאלן קיין פראצענט אדער קיין חלק פונעם קרן יעדע חודש. אבער ווען איך גיב אים צוריק דעם קרן, דארף איך אים דאס צוריקגעבן צוזאמען מיט די אלע 'פראצענטן' וואס זאמלט זיך אן דערווייל'.

ויהי היום - דאס איז געווען ארום צוויי חדשים צוריק - איך רוף אן דעם מלוה און איך זאג אים אז איך האב שוין ב"ה א באנק וואס איז מסכים צו געבן א מארגעדזש. אבער לויטן חשבון וויפיל די באנק איז מסכים צו געבן, פעלט 30 טויזענט פונעם סך הכל וואס איך דארף צוריק געבן פארן מלוה, און דאס וועל איך צולייגן פון מיין אייגענע טאש. דעריבער האב איך אים געפרעגט, אז היות איך האלט ממש פארן ענדיגן דעם פראיעקט, אויב קען ער ווארטן אויף די 30 טויזנט דאללער נאך א 2-3 חדשים און איך וועל עס אים דאן אפצאלן.

אבער דער איד האט געזאגט "איך האב מיט דיר געמאכט א גוטן געשעפט, איך בין געווען צו דיר זייער מענטשליך, און כדי איך זאל אראפנעמען דעם 'ליען' (א שטר חוב וואס האלט צוריק פונעם באנק צו געבן אן הלוואה) וויל איך אז דו זאלסט אויך זיין ערליך און מיר באצאלן דעם גאנצן סכום ווי אפגעשמועסט.

איך בין געווארן זייער פארלוירן, ווייל כ'האב נישט געהאט דאס געלט. כ'האב געשיקט שליחים און שתדלנים צו דעם איד, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס און ער איז נישט געווען גרייט צו מוותר זיין.

מיר איז געווען שווער צו גיין ווידער בארגן גרויסע סכומים פון מענטשן, כ'האב אנגעהויבן צו פרובירן בלית ברירה, אבער צו וועמען איך האב נאר גערעדט איז מען געווען גרייט צו בארגן נאר פאר גרויסע פראצענטן, אדער 'שותפות', אדער האט מען געזאגט 'יעצט בין איך זייער ענג'.

אין די זעלבע צייט, האב איך מיך דערזעהן אז די 'פראצענט' הייבט זיך זייער שטארק, און איך שטיי שוין יעצט מיט א לאך פון כמעט 100 אלפים, און די סוף זמן פרעון קומט שוין אן דעם קומענדיגן מיטוואך.

און אויב איז נאך נישט גענוג געווען די דאגה פונעם מלוה, האב איך געזען אז חוץ פון די אויבנדערמאנטע הונדערט אלפים פארן מלוה, האב איך געדארפט אויפקומען תיכף ומיד מיט נאך 165,000 ממש פשוט צו קענען ענדיגן דעם פראיעקט.

שטייענדיג אזוי אובד עצות, האב איך זיך דערמאנט אז כ'האב געזעהן שטיין אז א צדיק צו וועמען מ'איז געווען דבוק בחיים חיותו קען שנעלער א טובה טוהן בעולם העליון. בימים מקדם האב איך זיך נישט גערירט אנעם זיך מזכיר זיין כסדר ביי **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה**. ער האט געליינט מיינע קוויטלעך אומצאליגע מאל, און מיך אלעמאל מדריך געווען בעצה ותושי' ווי אן אב רחמן, האב איך מחליט געווען אז איך וועל ארויפגיין צום ציון הק' אין קרית יואל - בפרט ביים רבי'ן מרן **הברך משה** ז"ל צו וועמען איך בין געווען אזוי דבוק בחיים חיותו, און בעטן 'מה כאן עמד ושימש אף שם יעמוד וישמש'.

איך בין ארויסגעפארן צום ציון אין קרית יואל, און געגאנגען צום ציון הק' פון מרן רבינו הברך משה, און זיך דארט אויסגעוויינט בדמעות שליש. איך האב זיך געבעטן בתחנונים אז איך דארף סיי מסדר זיין דעם מלוה און סיי קענען ענדיגן דעם פראיעקט בכי טוב.

א טאג דערויף, מיטוואך אינדערפרי רופט מיר אן דער מלוה אומגעראכטן און ער זאגט מיר אזוי: "ווייסטו וואס? קענסט ארויסנעמען דעם מארגעדזש פון באנק, גיב מיר צוריק די קרן און וויפיל פראצענט עס איז יא דא, און די איבעריגע וועל איך ווארטן 18 חדשים".

איך קען נאכנישט קומען צו זיך פון די ערשטע בשורה, און ער זאגט ווייטער "איין רגע, ווייסטו וואס? קענסט אויך האלטן 150 טויזנט דאללער צו קענען ווייטער גיין. מיטן פראיעקט".

איך פרעג אים מיט שטוינונג "דאס הייסט אז איך באצאל דיר יעצט מיט 250 טויזענט דאללער וויניגער, און עם כל זה נעמסטו אראפ די ליען?! ווייל אנדערש קען די באנק נישט ווייטער גיין."

זאגט ער "יא, געזונטערהייט. שיק מיר א צעטל אז דו באצאלסט עס מיר אין די קומענדיגע אכצן חדשים.

איך פרעג מיט וואונדער "וואס שרייב איך, וויפיל פראצענט בעטסטו פאר דעם?"

ענטפערט ער "עה, לאז אפ, גארנישט קיין פראצענט. איך האב שוין געמאכט געלט דא".

איך האב אראפגעלייגט די טעלעפאן אינגאנצן צומישט, און איך שיק אן אימעיל צו די באנק אז מען קען ווייטער גיין, און איך שרייב זיי צו וועמען מען שיקט וועלכע געלט. און דער מלוה האט זיי מודיע געווען די גענויע סכום וואס דארף יעצט גיין צו אים. און לויט דעם בלייב איך איבער מיט גאנצע 165,000 דאללער אויפן האר!...

דער 'מארגעטש בראוקער' וואס האט מיטגעהאלטן אז איך גיי ווייטער מיט דעם פראצעדור פון נעמען דעם מארגעדזש, רופט ער מיר אריין אויפן טעלעפאן און ער פרעגט מיר "וואס איז געשעהן דא? איך האב דאך מיטגעהאלטן ווי דו בעטסט זיך ביי אים שוין אפאר חדשים, און ער האלט זיך נישט ביים רירן".

האב איך אים געזאגט דעם אמת, "איך האב נישט קיין אנונג, אבער איך בין נעכטן געווען ביים רבי'נס ציון, און דאס איז די תוצאה"...

ז׳ תיב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו** מייסד ומנהל חברה הצלה קרית יואל

## חלום חלמתי ואיני יודע מה היא...

עס איז געווען בשנת תשמ"ז, ווען איך בין געווען ל"ע אין יאר פון מיין מאמע ע"ה, כ'בין געווען אין גרויסן בית המדרש, ווילנדיג צוגיין צום עמוד, שטעלט מיך אפ א איד, ער דערציילט מיר אז א דאקטאר האט דיאגנאזירט זיין ווייב ל"ע מיט יענע מעשה ה"י. עס איז געווען א דיפרעסטע מצב ליידער אין שטוב.

כ'האב אים געזאגט די ערשטע זאך ער זאל אריבערגיין צום רבי'ן – **כ"ק מרן רבינו הברך**

**משה ז"ל** - זיך מזכיר זיין. ער האט אנגענומען מיין עצה, און ער איז אריבער צום רבי'ן.

דער איד האט מיר שפעטער איבערגעגעבן וואס עס איז געווען ביים רבי'ן אין שטוב, ער איז אריבער און פארגעלייגט דעם ביטערער דיאגנאז פונעם דאקטער. דער רבי ענטפערט "דער דאקטאר האט גע'חלומ'ט... זיי זאלן זיך נישט זארגן".

עס איז געווען א אינטערעסאנטע תשובה, כ'האב פרובירט צו העלפן דעם איד, דורך רופן אלע נומערן וואס איך האב געהאט פון א געוויסע גרויסער דאקטאר אויף יענע מחלה ל"ע. - כ'האב ענדליך נאך א טאג צוויי יענעם געכאפט און מען האט געמאכט אן אפוינטמענט.

יענער גרויסער דאקטאר, נאכן איבערקוקן די טעסטס פון דעם ערשטן, האט געזאגט פאר'ן פאציענט אויף ענגליש, אז דער ערשטער דאקטאר וואס האט געזאגט אז דער פרוי האט יענע מעשה "האט גע'חלומ'ט"...

ז' תיג) עס דערציילט אונז

**כ"ק אדמו"ר מהארדענקא שליט"א** מאנטשעסטער

## נאכדעם... האט ער איבערגעלאזט א ממלא מקום

א קורצע צייט נאך די הסתלקות פון כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה, ווען איך בין אריין צום ערשטן מאל מיט א קוויטל צום **פשעווארסקער רבי'ן הרה"ק רבי יענקעלע**, נעמט ער דאס קוויטל אין די האנט און ער רופט זיך אן "**איר זענט געווען ביים סאקמארער רב, איך בין אויך געווען ביים סאקמארער רב**", דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס ער האט באמערקט אין קוויטל, איך האב נישט געהאט געשריבן אינעם קוויטל קיין שום רמז דערצו.

ווען איך בין אריינגעקומען צו אים א קורצע צייט שפעטער מיט א קוויטל, איז ווידער געווען די זעלבע מעשה, ער קוקט אריין אין קוויטל און ער זאגט "**איר זענט געווען ביים סאקמארער רב, יאך בין אויך געווען ביים סאקמארער רב, און נאכן גרויסן אומגליק וואס איז געשעהן?!... האט ער איבערגעלאזט א ממלא מקום....**

און דער פשעווארסקער רבי האט אנגעהויבן צו אויסרעכענען די שבחים פונעם רבי'ן דער **ברך משה** זלה"ה. איך געדענק נישט די לשונות פונקטליך, ווייל עס איז געווען באריכות, אבער כ'געדענק ווי בתוה"ד האט ער געזאגט "ער איז א גרויסער תלמיד חכם"... (משיחה להמערכת א' מקץ תשפ"ה)

ז' תטו) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה"ג ר' חיים משה ווייסמאן שליט"א** ר"מ בישיבה"ק

## והאיש מש"ה עניו מאד

אום יו"ט שבועות שנת תש"מ לפ"ק דעם ערשטן יאר וואס **מרן רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע** האט איבער גענומען דעם שרביט הנהגה בק"ק סאטמאר, האט דער רבי אריינגעגעבן א ספר תורה וואס ער האט באקומען בירושה פון זיין פעטער **מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, וואס ער האט דאס געלאזט שרייבן, און ס'איז נישט פארטיג געווארן בחיים חיותו.

די ספר תורה איז אריינגעגעבן געווארן דורכ'ן רבי'ן ברוב פאר הדר דעם צווייטן טאג שבועות אינעם גרויסן ביהמ"ד אויף ראדני סט. און די תהלוכה איז ארויס פונעם רבינ'ס ביהמ"ד עצי חיים סיגעט אויף היוז סט. און פון דארט צום גרויסן סאטמארער ביהמ"ד.

ווען דער רבי איז ארויס מיטן ס"ת אויף דער גאס האט זיך ארפגעלאזט א שטארקע גאס רעגן וארובות השמים נפתחו [דער רבי ז"ל האט דעמאלטס געזאגט אז ס'קומט איהם אויפן זכרון ווען אין דעם טאג מיט זעקס אין דרייסיג יאר פריער, איז ער אנגעקומען מיטן טראנספארט קיין אוישוויץ האלטנדיג זיינע קינדערליך אויפן ארעם גייענדיג אויף קידה"ש, און ס'האט אויך שטארק גערעגנט]. מ'האט דאן אויסגעשפרייט א חופה העכער דעם ספר ווי ס'איז דער מנהג ביי א הכנס"ת, און ס'איז אויסגעקומען אז די חופה האט באשיצט פונעם רעגן פאר אלע וואס זענען געגאנגען אונטער די חופה מיטן ספר.

אין יענע יאר'ן האב איך געהאט די זכי' צו נתקרב ווערן צום רבי'ן זי"ע און אויסגענוצט די געלעגנהייט צו רעדן מיט איהם אין לערנען, ווען דער רבי מיט זיין געוואלדיגע מדת ענוה האט זיך אראפגעלאזט צו יעדן בר אוריין אפילו א אינגערמאן מחמת זיין אהבת התורה בלי גבול וכל חפציו לא ישוו אליו, אויך דעמאלטס נאך יו"ט איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיטן רבי'ן און איבערשמועסן מיט איהם די חידושים ופלפולים וואס ער האט משמיע געווען דעם יו"ט.

זייענדיג אזוי אינעם שמועס האב איך זיך געטרויעט און געפרעגט דעם רבי'ן, איבערדעם וואס איז פארגעקומען ביים הכנסת ס"ת ווען מ'איז ארויס מיטן ספר און ס'האט שטארק גערעגנט, צי די חופה וואס מ'האט אויסגעשפרייט איז געווען בהיתר?

מיין כוונה איז געווען צו פרעגן ווייל אין שו"ע הל' שבת (סי' שט"ו סעי' י"ב) איז גע'פסק'נט, אז ס'איז אסור אויסצושפרייטן א פרוכת משום איסור 'עשיית אוהל' עיי"ש, אבער דא לכבוד הכנסת ס"ת איז עס א אוהל וואס איז געמאכט לשם 'כבוד' און נישט 'להגן', וואס אין אזא פאל שטייט אין **מגן אברהם** (שם סק"ה) אז מ'מעג אויפשטעלן א חופה שבת [כשהיתה קשורה בכלונסת מער"ש (שעה"צ אות לד)], (עיי"ש במג"א שלמד כן מדינא דשו"ע ס"ה בכסא העשוי פרקים וכו' מותר לפותחו משום שעביד וקאי מבעו"י, וכ' הה"ד דמותר להעמיד חופה דלאו מידי עביד), און ס'איז ידוע די תשובה אין **נודע ביהודה** (מהדו"ת סי' ל') בנוגע עפענען א פאראס"ל [שירע"ם] אין שבת וואס איז להגן מפני החמה והגשמים, נאך א לענגערן דיון פירט ער אויס אז ס'איז אן איסור חמור, און ער שרייבט אז דאס וואס דער מג"א איז מתיר צו שטעלן א חופה קען מען פארענטפערן אז ס'איז נישט געמאכט להגן מפני החמה והגשמים נאר 'לכבוד חתן וכלה', דעריבער הייסט עס נישט קיין אוהל עיי"ש, די זעלבע איז שייך לגבי כבוד פון ס"ת.

אבער דא איז געווען די שאלה, וויבאלד ס'האט שטארק גערעגנט איז דאך די חופה געווארן אויך אויסגעשפרייט מיט א כוונה 'להגן מפני הגשמים', אין ס'קען שוין אריינגיין אין א שאלה פון א מלאכה דאורייתא [וכמ"ש בשעה"צ (אות לה) לאפוקי בחופה שכוונתו בהגג לשם אהל, אפי' בלא מחיצות דשם אוהל עראי עליו עכ"ל].

ווען דער רבי ז"ל האט געהערט מיין שאלה, האט ער געענטפערט בזה"ל: "אמת, ווען איך האב געזעהן ווי מ'שטעלט אויף די חופה אינמיטן דעם שטארקן רעגן, האב איך גלייך געטראכט אז ס'איז אסור אויפצושטעלן די חופה, און כ'האב געוואלט מוחה זיין אז מ'זאל עס נישט טוהן. נאר וואס דען?! כ'האב געזעהן די גרויסע שטופעניש וואס קומט פאהר וויאזוי איינער האט געשטופט דעם צווייטן כדי צו קענען האלטן די שטאנגען, און "איך קען מיר נאכנישט אזוי גוט אויס אין הלכות חסידות"... האב איך פשוט מורא געהאט צו זאגן אווארט, און זיי... האבן דאך ממילא אינזין געהאט נאר '**לשם כבוד**' און נישט '**להגן מפני גשמים**', דערפאר האב איך נישט מוחה געווען.

מ'האט געזעהן ווי ביים רבי'ן דער ברך משה האט נישט פארנומען קיין ארט די אלע גינוני כבוד ער האט זיך פשוט נישט געקענט צופאסן דערצו און ער איז נישט נתפעל געווארן פון די אלע ענינים.

ביי יענעם שמועס האט דער רבי אויך געזאגט בדרך צחות, אויף דעם וואס מ'האט באצירט דעם ביהמ"ד מיט שילדן לרגל דעם הכנס"ת און אויף איינע פון די טאוולען איז געשטאנען מיט גרויסע אותיות די ווערטער פונעם פסוק "**משה ידבר אלקים יעננו בקול**", די רבי האט נישט געקענט סובל זיין די אלע זאכן, האט ער געזאגט מיט א ווערטל "**אויב מיינט מען מיין כבוד, וואלטן זיי געדארפט שרייבן 'רבי משה ידבר'...**"

ז' תטז) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה"ח ר' שמואל בר"ל בראך הי"ו**

## דער שארמאשער רב'ס הערצה צו מרן רבינו הברך משה זלה"ה

ערב פסח, י"ד ניסן, איז די 40'סטע יארצייט פון ש"ב **כ"ק הגה"צ רבי נפתלי הירצקא האניג זלה"ה אבד"ק שארמאש בעמח"ס תפארת נפתלי**, ומנהל התאחדות הרבנים.

מיר האבן געהאט די זכי' זייענדיג נאנטע קרובי משפחה צו דאווענען ביים שארמאשער רב אין ביהמ"ד, און אסאך צו נהנה זיין מאורו הגדול, ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה"ק בעל **עצי חיים** זלה"ה, און לאחר הסתלקותו איז ער געווען דבוק אין **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**. און אלע יארן שפעטער איז געווען שטארק ניכר זיין התקשרות **אין כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה**.

אין די שפעטערדיגע יארן ווען דער שארמאשער רב ז"ל איז שוין געווען אפגעשוואכט אין זיין מצב הבריאות, האט ער געוואוינט אין קרית יואל, איך האב געהאט א שיעור מידי יום ביומו אינעם ביהמ"ד פונעם שארמאשער רב אויף איהעל קט.

איז געווען אסרו חג שבועות תשד"מ לפ"ק, ווען איך האב געלערנט דארט אין ביהמ"ד, ווען אינמיטן איז דער רבי מרן **הבר"מ** זלה"ה געקומען באזוכן דעם **שארמאשער רב** ז"ל. כמובן אז איך בין אריינגעגאנגען מיטהאלטן דעם באזוך.

אין יענע תקופה האט ער שוין לאנג נישט גערעדט, און כמעט נישט רעאגירט אויף וואס עס טוט זיך ארום. ווען דער רבי איז אריינגעקומען האט בנו הרה"ח ר' הערשל ז"ל געזאגט "טאטע, דיין רבי'נס קינד איז דא... דער רבי שליט"א איז דא".

דער רבי האט זיך אראפגעזעצט און געגעבן די הענט פארן שארמאשער רב, און שלא כהרגלו אין יענע יארן האט ער אנגעהויבן צו שלעפן דעם רבי'נס האנט ווילנדיג קושן די האנט.

דערויף האט ער נישט אויסגעלאזט דעם רבי'נס האנט, כאטש ער האט נישט געהאט קיין כח, אבער מ'האט געזעהן ווי זיין פנימיות איז משתוקק צו זיין רבי'נס הייליג קינד.

דער רבי האט געטרינקען 'לחיים', און אים ווידער געגעבן די האנט, האט דער שארמאשער רב ווייטער אנגעהויבן צו ציעהן דעם רבי'נס האנט אז ער זאל קענען געבן א קוש.

עס איז געווען זייער בולט אז אפילו אין זיינע שוואכע זמנים, ווען ער האט שוין ווייניג געדענקט, איז דאס געווען אזוי טיף איינגעבאקן אין אים זיין קשר צו זיין הייליגן רבי'ן, אז ער האט נאר געוואלט ארויסצייגן זיין התקשרות און חביבות צום רבי'ן ז"ל, ומי יודע מסוד ה' ליראיו.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**